בעזהשי"ת

קונטרס

# פתחא טבא

אוסף דברי הדרכה ויסודות איתנים, לתלמידים הקרויים בנים, התעוררות והתחזקות להגות ביקרה מפנינים, וליראה את ה' אדוני האדונים, לדעת את הדרך ילכו בה בכמה ענינים, אשר שמענו בפתיחת זמנים

מאת כ"ק מרן

**רבינו מהר"א ט"ב שליט"א**

אבדק"ק סאטמאר יצ"ו

יוצא לאור על ידי הנהלת

**מבצר הישיבות תורה ויראה דסאטמאר**

קרית יואל יצ"ו

# מזמור לתודה

למע"כ הרבני הנגיד המפואר יפה פרי תואר

מו"ה **יעקב זוסמאן סופר** הי"ו

**חבר הנהלת המתיבתא**

**שנדב הוצאת הקונטרס להגדיל תורה ולהאדירה**

ישא ברכה מאת ה' ויתברך בכל משאלות לבו לטובה

ב"ה

# פתח דבר

ר'אה א'נכי נ'ותן ל'פניכם ה'יום ב'רכה, לקט אמרי קודש דברי הדרכה שהשמיע **כ"ק מרן רבינו הגה"ק ראש ישיבתינו שליט"א** בעת פתיחת הזמן, לפתוח לב התלמידים בתורה וביראה, ותורת חסד על לשונו בדברי אגדה מוסר והתעוררות שיורדים ונוקבים ללבות התלמידים לקבל עליהם עול תורה ומעש"ט בימי הבחרות, רובם ככולם נלקטו ממה שנאמר במשך שנות תשפ"ג-תשפ"ד-תשפ"ה העעל"ט, ועל פי בקשת כ"ק מרן רבינו שליט"א בפתיחת הזמן דהאי שתא, קבצנו כולם לפונדק אחד למען יעמדו למשמרת תמיד לפני הבחורי חמד, לדעת את הדרך ילכו בה ואת המעשה אשר יעשון.

תודה מיוחדת למע"כ חברי **ועד להוצאת ספרי כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א** אשר ערכו את הספר בטוב טעם ודעת, ובמומחיותם העצומה בסייעתא דשמיא באו הדברים שמחים מאירים וברורים, יצו ד' אתם את הברכה שיזכו עוד רבות בשנים להאיר לארץ ולדרים בהדפסת חידושי תורה מכ"ק רבינו הגה"ק שליט"א עד ביאת הגואל.

ומצלאין אנו לחיי מלכא אבינו רועינו כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א, יה"ר מלפני אבינו שבשמים שנזכה עוד רבות בשנים לשמוע לקח מפיו, ולהתבשם מאור תורתו, ולהסתופף בצל קדשו, ומתוך בריות גופא ונהורא מעליא על מי מנוחות ינהלינו, לקראת משיח צדקינו, בביאת בן דוד במהרה דידן ברוב רחמיו וחסדיו אכיה"ר.

בכבוד והוקרה

**הנהלת מבצר הישיבות**

# תוכן הענינים


**פתיחת הזמן דהאי שתא תשפ"ו........................................ א**

לימוד התורה דאס גרעסטע פארגעניגן.......................................יג

לימוד התורה - א פייער קעגן יצה"ד.......................................טו

ימי הבחרות - א יסוד פאר'ן לעבן.......................................טז

דאס חשיבות פון יעדע שעה אין די בחור'ישע יארן.......................יז

די הייליגע ישיבה מחוץ לעיר.......................................יח

שמירת הזמנים.......................................יט

גיין צום פארלערנען און פארהערן....................................... כ

אויפשטיין פארטאגס לערנען פאר'ן דאווענען.......................................כא

טבילה במקוה.......................................כב

לערנען חסיד'ישע ספרים.......................................כד

עבודה שבלב זו תפלה.......................................כה

גמילות חסדים.......................................כו

שבת קודש יום חמדתו.......................................כז

סעודה שלישית.......................................כח

די מדה פון הכנעה....................................... ל

חסיד'ישע בחורים.......................................לא

זיך דערווייטערן פון טעכנאלאגישע כלים.......................................לג

תנאים - חתונות - שבע ברכות: פון חברים.......................................לג

דרייוון ביי בחורים.......................................לה

ברכת הקודש.......................................לו

# מתוך פתיחת הזמן דהאי שתא

יום ב' וירא שנת תשפ"ו לפ"ק - אחר שהאריך בדברי דרוש בפרשת השבוע

## התחלת לימוד פרק חזקת הבתים

אונז האב מיר אנגעהויבן דעם זמן צו לערנען מסכת בבא בתרא פרק חזקת הבתים, סוגיות עמוקות מאוד, דאס דארף יעדער בחור אין ישיבה לערנען בעיון - ס'איז דא וואס מ'לערנט שיעור פשוט, אבער דאס לערנט מען שיעור עיון - די שיעור עיון מיינט מען צו לערנען טאקע להבין ולהשכיל, צו פארשטיין, דאס איז נישט הלכות פסוקות און אזוי איז דאס, די גמרא איז מחלוקת תנאים, אמוראים, ראשונים, אחרונים.

מיר האבן אנגעהויבן צו לערנען דא א פשוט'ע זאך, חזקת הבתים איז דריי יאר, דאס מיינט ווען א איד האט געהאט א פעלד און יעצט איז דאס ביי א צווייטן איד, און ער זאגט אים "ס'איז דאך מיין פעלד געוועזן", זאגט ער אים "דו האסט עס מיר פארקויפט", זאגט ער "ווער זאגט דאס?, לאמיר זעהן צו דו האסט א שטר", ער האט נישט קיין שטר, אויב ס'איז נאך דריי יאר לאזט מען אים האלטן דאס פעלד.

דא ווערט שווער א קשיא, און דאס דארף מען פארשטיין, דאס פעלד האט באלאנגט פאר ראובן, הכל מודים אז ראובן איז געווען דער בעה"ב פון דעם פעלד, ער האט א חזקת מרא קמא, א חזקת מרא קמא איז די שטערקסטע חזקה, און שמעון זאגט ס'איז מיינס, און ער האט נישט קיין באוייז, פארוואס לאזט מען אים האלטן דאס פעלד? וואו איז די יושר?

אז מ׳לערנט דא און מ׳קוקט אריין אין די ראשונים איז דא דריי מהלכים, דער רמב״ן האט א מהלך, דער רמב״ן זאגט א מענטש לאזט נישט יענעם זיצן אין זיין פעלד א קורצע צייט אויך נישט, אבער לויט דעם פארוואס דארף עס זיין דריי יאר, איין יאר לאזט ער אים אויך נישט זיצן. איז דער תירוץ, ווייל יענער האט אויך א ריעותא, וואו איז דיין שטר, אויב איז אמת אז איך האב דיר עס פארקויפט וואו איז דיין שטר? קומט אויס דער האט א ריעותא און דער האט א ריעותא, איז אין די דריי יאר האט ער א ריעותא, נאך די דריי יאר האט ער שוין נישט קיין ריעותא, דער ערשטער בעה״ב האט אבער יא א ריעותא, וועגן דעם בלייבט עס ביים צווייטן. דאס איז שכל׳דיג.

ס׳איז אבער דא שטארקע קשיות אויפן רמב״ן - יעדער בחור דארף וויסן דעם רמב״ן, און די קשיות וואס מ׳פרעגט אויפן רמב״ן, ס׳איז דא א שטארקע קשיא.

ס׳איז דא א דין, אויב ער האט נישט קיין שטר דארף ער כאטש האבן עדות אז ער זיצט שוין דא אין פעלד דריי יאר. וואס טוט זיך ווען ער האט נישט קיין עדות אויף דריי יאר, ער האט נאר עדות אויף צוויי יאר, אבער ער טענה׳ט איך זיץ שוין דא דריי יאר. זאגט די גמרא פארפאלן, דו מוזט עס צוריק געבן. לויטן רמב״ן איז שווער א קשיא, פארוואס דארף ער עס צוריקגעבן, ער האט דאך געשוויגן ביז יעצט, איי וואס טוט זיך מיטן מחזיק, ער טענה׳ט איך זיץ שוין דא דריי יאר איך האב שוין נישט קיין ריעותא, פארוואס

דארף מען עס צוריק געבן? און מ'דארף זיך מוטשען צו פארשטיין און זוכן א תירוץ.

דער קצות האט א צווייטן מהלך, ער שטעלט אהער אז ס'איז א תקנת חכמים, ממילא איז נישטא קיין קשיא, די חכמים האבן אזוי געזאגט, אמאל קומט טאקע גוט אויס, און אמאל קומט נישט גוט אויס.

דער רשב"א האט אן אינטערעסאנטן מהלך, דער רשב"א זאגט ניין, א מענטש דולדט ביז דריי יאר, אזוי ווי די גמרא זאגט (דף כט.) תלת שנה קפיד, ווייניגער נישט, אז מ'קומט נאך דריי יאר, ביסטו אן אויבער חכם, דו האסט בכוונה געווארט ביז נאך דריי יאר, ווייל דו האסט געוואוסט אז יענער וועט שוין נישט האבן דעם שטר און דו וועסט קענען קומען, אז מ'זעהט אויף דיר אז דו ביסט א אויבער חכם ממילא ביסטו נישט גערעכט, דאס איז א סברא פון רשב"א.

ס'איז אויך דא אנדערע סברות, אבער עכ"פ ס'מוז זיין א סברא דא.

וויל איך זאגן בחורים, מ'דארף פארשטיין, דער רשב"א האלט נישט אז ס'איז א ריעותא פונעם מחזיק וואס האט נישט קיין שטר? מ'דארף דאס לערנען. בחורים! מיר זענען שוין נישט קיין חדר אינגלעך, אז מ'לערנט א זאך דארף מען וויסן פארוואס?, פארוואס?, און דאס וויל איך זאגן דאס איז חזקת הבתים.

און אזוי וועט מען גיין אי"ה בלאט נאך בלאט, נישט בלאט נאך בלאט, נאר האלבע עמוד נאך האלבע עמוד, יעדע האלבע עמוד איז

פאר זיך אליין א גאנצע סוגיא, ערוואקסענע בחורים, דער אייבערשטער האט געגעבן שכל אין קאפ אויף צו באנוצן, מ׳דארף זעהן צו לערנען !.

## תקנות הישיבה

לעולם וואלט איך געדארפט מאריך זיין אביסל אין פרטיות פון די סדרי הישיבה, די סדר הלימודים, די זמן הלימודים, די זמני תפלה, די זמני קימה ושינה, וועגן אוועק פארן פון ישיבה, שבת, תקנת הישיבה פון חתונות און שבע ברכות, און דאס וויל איך ארויסזאגן, מ׳זאל נישט מיינען אז איך בין נישט מאריך אז מ׳איז מיקל, מ׳זאל וויסן אז דאס איז זייער א הארבע תקנה אין די ישיבה - ס׳איז דא אסאך נייע בחורים - דאס איז א ערנסטע זאך, א בחור גייט נישט צו קיין חתונות פון ישיבה, חוץ ביי קרובים.

איך וויל בעטן די הנהלת הישיבה, מ׳האט דאך שוין פאר א יאר און פאר צוויי יאר גערעדט די אלע ענינים, מ׳זאל איבערדריקן וואס מ׳האט געזאגט די אלע סדרים די אלע זאכן, אזוי אז יעדער בחור זאל עס באקומען און ער זאל וויסן אשר לפניו.

*

## החזקת מנהגי ישראל בעידן חדוותא

איך וויל רעדן אן ענין דא צו די בחורים, ב״ה די תלמידי הישיבה זיצן און מ׳לערנט, מ׳שטייגט אין תורה, מ׳שטייגט אין יראת שמים, מ׳שטייגט אין מדות טובות, יעדער איינער לויט זיין

ערך, און לויט זיין רצון, יעדער איינער איז זוכה מקיים צו זיין דעם ילמוד תורה.

ס׳קומט א זמן ווען מ׳איז זוכה מקיים צו זיין ילמוד תורה ואחר כך ישא אשה (קידושין כט.), יעדער בחור פון די ישיבה מיטן אייבערשטענס הילף וועט אי״ה ווערן א חתן, און יעדער וועט אי״ה גיין אונטער די חופה מיט די כלה וואס איז אים באשערט.

איך פיל א חוב צו רעדן דא, פאר די תלמידי הישיבה און אפילו נישט תלמידים, נאר ווער עס הערט מיר.

מיר קומט אויס צו גיין צו חופות, און איך קוק צו די חופות, איך זעה די חתנים, די מחותנים, די משתתפים, און איך זעה דעם סדר פון די חופות.

## יסודתו בהררי קודש

דער סדר פון א חופה איז יסודתו בהררי קודש. ס׳איז דא זאכן וואס זענען פשוט על פי הלכה. דאס אז מ׳דארף מקדש זיין מיט א טבעת, דאס איז אן הלכה. אז ס׳דארף זיין צוויי עדות, דאס איז אן הלכה. אז מ׳דארף צו זאגן ״הרי את מקודשת לי״ דאס איז אן הלכה. און ב״ה ישראל קדושים הם, מען טוט ווי אזוי די הלכה איז.

ס׳איז אבער דא זאכן וואס איז נישט קיין הלכה, אבער ס׳איז מנהגי קודש, על פי הלכה מוז מען נישט אונטערפירן קיין חתן אונטער די חופה, די קידושין איז תופס אויך ווען מען פירט

נישט אונטער. דאס זעלבע, לויט די הלכה, מוז די כלה זיך נישט ארומדרייען זיבן מאל. מ׳מוז נישט צוברעכן קיין גלעזל. דאס אלעס איז מנהגי קודש וואס איז הייליג, הייליג, הייליג. און חלילה מזלזל צו זיין אין עפעס פון די מנהגים.

נאכדעם איז דא מנהגים ביי א חופה און ביי א חתונה, וואס מ׳האט געזען אז צדיקים האבן אזוי געטוהן, למשל מצוה טאנץ, צדיקים האבן אזוי געטוהן, און ממילא איז דאס הייליג, וכדומה נאך מנהגים פון צדיקים ביי א חתונה, וואס יעדע זאך איז הייליג מיטן גרעסטן דרך ארץ.

אבער אליינס מאכט מען נישט קיין שום זאך אין אזא הייליגע מאמענט.

## קדושת הזמן

כ׳האב געהערט פון טאטן ז״ל, ער האט נאכגעזאגט פון דברי חיים, דער הייליגער צאנזער רב ז״ל, דער דברי חיים האט געזאגט אזוי: ״ווען אונז זעמיר געווען אינגעלייט, איז ביי א חופה געווען אזא פחד, אז מ׳האט מורא געהאט זיך אויפצוהייבן די אויגן. טאמער איז געווען א חופה אין אלול, האב מיר געהאט א גוטע הכנה אויף די הייליגע טעג״.

**דאס איז הייליגע ווערטער פון א הייליגן איד!**

איך רעד יעצט נישט אז יעדער זאל צוקומען צו די מדריגות, איך וויל נאר ארויסברענגען ווי הייליג א חופה איז, א מעמד החופה איז הייליגע מינוטן.

איך האב געקענט אידן וואס האבן מקפיד געווען צו שטיין ביי א חופה, נישט צו זיצן ביי א חופה, מ׳האט נישט גערעדט ביי א חופה, ווייל ס׳איז א חופה!. איך האב געזען אמאל ווען א אינגערמאן האט גערייכערט ביי א חופה, האט אים א עלטערע איד אנגעשריגן, ביי א חופה רייכערט מען?!

עלטערע אידן האבן געהאט אן השגה וואס דאס איז, א חופה איז א הייליגע זאך!.

## המתקת הדינים

וויפיל טרערן האט מען שוין פארגאסן ביי א חופה, די עלטערן און חתן וכלה.

ווייל איך זאגן בשבח, איך קום דאך צו חופות, און איך זעה ווי חתנים זענען מוריד דמעות אונטער די חופה – איך זאג נישט אז אלע – איך האב געזען א חתן א ירא שמים ווי ער איז געשטאנען אונטער די חופה און איז מוריד דמעות.

חסיד׳ישע ספרים זאגן, חופ״ה איז צוזאמגעשטעלט פון די אותיות ח״ה און פ״ו. ח״ה באטרעפט דרייצן, און פ״ו באטרעפט ווי דער שם אלקים. דרייצן איז א רמז אויף די י״ג מכילין דרחמי

וואס דאס איז ממתיק דעם שם אלקים - די דינים. דאס איז די חופה, א געהויבענע הייליגע זאך!.

## נייע מנהגים

א חופה איז נישט קיין הייראט-צערעמאניע! און דאס פארגעסט מען אין אמעריקע.

דאס איז אין אמעריקע ליידער געווארן אנדערש, ס'איז געווארן א צערעמאניע, און יעדער פרובירט ארייצוליגן אין די צערעמאניע וואס ער קען, און וואס פאר א געדאנקען ער האט. אדער וועט אים דער פאטאגראפיסט איינטיילן ווי אזוי די צערעמאניע זאל אויסזעהן, אדער דער זינגער.

היינט איז דא א נייע זאך, א זינגער, וואס ער לאזט זיך באצאלן גרויס געלט, מוז ער דאך פאר דעם געלט עפעס טוהן, ער מוז צושטעלן עפעס 'סערוויס' - ווי מ'רופט דאס, זאגט ער, איך וועל זינגן איין ניגון, איך וועל זינגן נאך א ניגון, איך וועל זינגן דעם ניגון.

ס'איז היינט געווארן א מנהג פון גראמען, מען גראמט ביי די חופה. אלעס ווערט אויפגעכאפט - ווי מען רופט דאס אויף ענגליש - אויף אודיא-ווידיא, למען יעמדו ימים רבים, מען זאל קענען שפעטער איבערקוקן די צערעמאניע.

יעדער זינגער וויל ווייזן זיינע כחות, זינגט ער דעם ניגון, אדער דעם ניגון, מ'דארף עס זינגן מעורר צו זיין חתן וכלה.

**כ׳האב געזאגט, א פלא, ווי לענגער דער שייטל איז, אלס לענגער איז מען מעורר חתן וכלה... דאס איז אמעריקע!**

מ׳זינגט ניגונים אויף אן אופן וואס מ׳האט דאס נישט געזען און געהערט ביי צדיקים.

מנהגי קודש איז אן אש קודש, דאס איז אן אש קודש פון פריערדיגע צדיקים, וואס דאס בלייבט אויף שטענדיג.

די נייע מנהגים וואס די זינגערס וכדומה פירן איין - איך בין געווען נישט לאנג צוריק ביי א חופה. מ׳האט זיך גענומען זינגען ״מלך שוכן עד״. ס׳איז א שיינער ניגון, אבער וואס פאר א שייכות האט דאס צו א חופה?.

אויף א צווייטע פלאץ האט מען אנגעהויבן צו זינגען ״רבונו של עולם האב שוין רחמנות אויף דיינע קינדער״. ס׳איז א שיינער ניגון, אבער ס׳האט א פלאץ ביי די חופה? ס׳איז דא נאך ניגונים, מ׳קען נישט אלעס אויסרעכענען. ווער האט דאס איינגעפירט צו זינגען ביי א חופה? די זינגערס! דאס הייסט די זינגערס שטעלן אויס וויאזוי א אידישע חופה זאל אויסזען?.

## שינוי מנהגים

איך וויל פרעגן, לאמיר די זעלבע זאך זיך אויס׳משל׳ן דעם הייליגן טאג פון יום כיפור. יום כיפור אויפדערנאכט, יעדער גייט אין ביהמ״ד באימה וביראה, מ׳זאגט כל נדרי, מ׳דאוונט שמונה עשרה. לאמיר זיך פארשטעלן, גלייך נאך די שטילע

שמונה עשרה זאגט מען דעם פייט "יעלה תחנונינו מערב". ווער איינער זאגן אז פאר מען זינגט "יעלה", וואלט געוועז זייער גוט אז דער גאנצער ביהמ"ד זאל צוזאמען זינגען "מלך מאזין שועה", ס'איז אזא שיינער ניגון.

**וואס ווער מען זאגן צו דעם? ס'האט א טעם? ס'האט א פנים?**

מ'מעג אויסרעדן - ס'איז נישט ראש השנה אינמיטן די שמונה עשרה, מ'האט שוין אויסגעטרעטן די שמונה עשרה - מ'מעג זינגען, פארוואס זאל מען נישט זינגן א ניגון? אבער אז עמיצער ווער הערן אז עמיצער טוט עס, ווען ער זיך וואונדערן, אזאנס צו טון?.

**די חופה פאר חתן כלה איז יום כיפור! וואס איז דאס זינגען סתם ניגונים?**

איך גיי שוין נישט אריין אז חתן וכלה פאסטן, צו מ'מעג דאס טון מיט מענטשן וואס פאסטן, איך גיי שוין נישט אין דעם אריין.

## מנהגי אמעריקע

אונז דארף מיר וויסן א כלל, מה שהיה הוא שיהיה, וויאזוי איז געוועז א חתונה פאר צוואנציג יאר צוריק?. די וואס מאכן היינט חתונה, ווען זיי זענען געשטאנען אונטער די חופה, דעמאלטס האט מען אויך אזוי געזינגען? און ס'איז ב"ה גוט, זיי

מאכן שוין היינט חתונה קינדער. פארוואס זאל מען נישט חתונה מאכן אזוי ווי מ׳האט חתונה געמאכט מיט יארן צוריק.

איך ווייס, אמעריקע איז גרויס, און אמעריקע שטעלט צו, ס׳איז דא מנהגי המדינה. אונז טאר מיר נישט נאכגעשלעפט ווערן נאך מנהגי אמעריקע, און דאס איז איינס פון די אמעריקאנער מנהגים.

וועגן דעם, איך רעד יעצט צו אלע בחורים, די חתנים פון לעתיד. מיטן אייבערשטנ׳ס הילף וועט אי״ה יעדער שטיין אונטער די חופה אין א גוטע שעה, מ׳זאל געדענקן וואס איך **האב געזאגט.**

**מ׳שטייט אונטער א חופה, א הייליגער מקום, א הייליגער זמן, ס׳איז נישט קיין הייראטס-צערעמאניע!**

איך וויל בעטן אלע זינגער׳ס און יעדן ערליכן איד, מ׳זאל מבטל זיין די מנהגים, יא, מען מעג זינגען א חסיד׳ישער ניגון, אבער די [נייע] מנהגים?, א חופה דארף זיין אזוי ווי ס׳איז געוועזן אן קיין שינוי.

מנהגי אמעריקע איז כל הישר בעיניו יעשה, אונז דארף מיר נישט ווערן נאכגעשלעפט נאך די מנהגי אמעריקע. אויב אונז וועל מיר גיין בתר רובא דעלמא מיט די אמעריקאנער מנהגים, ווער ווייסט וואו אונז וועל מיר אנקומען. דאס שטעלט זיך נישט אפ!

דער אייבערשטער זאל העלפן, ס׳זאל נתרבה ווערן שמחות אין אידישע הייזער. אידן זאלן זוכה זיין אויפצובויען בתים נאמנים לה׳ ולתורתו הקדושה. דער אייבערשטער זאל העלפן מיט אסאך שמחה ונחת פאר די עלטערן און פאר אלע וואס שטייען אונטער די חופה, זיי זאלן האבן א גליקליך לעבן כל ימי חייהם. ביז דער אייבערשטער וועט העלפן, מיר וועלן זוכה זיין מקבל צו זיין פני משיח צדקינו, און זוכה זיין צו שמחת ציון וירושלים במהרה בימינו אמן.

# א

# לימוד התורה - דאס גרעסטע פארגעניגן

לקראת התחלת פרק חזקת הבתים - מתוך פתיחת הזמן ב' וירא תשע"ח

**אברהם אבינו האט געזאגט ואקחה פת לחם וסעדו לבכם אחר תעבורו, פת לחם איז א רמז אויף די תורה הקדושה, ואקחה פת לחם, אז מען וועט לערנען תורה, וסעדו לבכם, וועט מען מרגיש זיין עריבות מתיקות, מ'וועט זיך מחיה זיין אז מ'לערנט.**

ווען א איד קומט אין ביהמ"ד און ער זעצט זיך אראפ לערנען, ער לערנט אדורך א בלאט גמרא, ער לערנט אדורך א שיינע סוגיא, א שיינעם הסבר, א שיינע קשיא, א לעבעדיגן תירוץ, איז דאס וסעדו לבכם, דאס איז מחיה, **לערנען תורה דאס איז נישט נאר עולם הבא, לערנען תורה דאס איז עולם הזה, דאס איז די גרעסטע פארגעניגן.**

ס'איז דא א באקאנטער אור החיים הקדוש פרשת כי תבוא, דער אור החיים הקדוש זאגט, ווען א מענטש וואלט משיג געווען נעימות מתיקות, די זיסקייט פון תורה, היו משתגעים, ער זאגט אזא מין גרויסע מורא'דיגע אויסדרוק. ווען מ'זאל משיג זיין וואס הייסט לערנען, מתיקות התורה, די תורה הקדושה איז מתוקים מדבש, ס'איז זיסער פון דבש פון די זיסטע זאכן.

אונז האבן מיר אנגעהויבן צו לערנען פרק חזקת הבתים, א פרק אין מסכת בבא בתרא, סוגיות עמוקות מאוד מאוד, און כדי

דאס צו פארשטיין דארף מען זיך אסאך מייגע זיין, מ׳דארף אסאך מוח צו לייגן, אסאך אריינטראכטן וואס מ׳לערנט צו פארשטיין א מחלוקת פון די תנאים, א מחלוקת פון די אמוראים, וואס האט ״ער״ געהאלטן, וואס האט ״ער״ געהאלטן, א קשיא אין די גמרא, א תירוץ, א פלוגתא פון רש״י און תוספות, און ס׳ווערט שפעטער רשב״ם און תוספות, פלוגתת הראשונים, א שיינע קשיא פון מהרש״א, א שיינע קשיא פון חתם סופר, א מחלוקת פון קצות און נתיבות, ס׳ברענגט אריין לעבעדיגקייט אין א בחור, כי הם חיינו ואורך ימינו, דאס איז נישט סתם א מליצה, נאר מ׳דארף דאס מרגיש זיין, כי הם חיינו ואורך ימינו, די תורה הקדושה איז א חיות פארן מענטש, דאס ברענגט אריין לעבעדיגקייט, ס׳ברענגט אריין חיות אין א איד.

מ׳זאל וועלן פארשטיין - די ערשטע זאך איז האבן א רצון, איך וויל פארשטיין, א שיינעם הסבר, א לעבעדיגן תירוץ. דאס איז שמחת התורה, דאס איז וסעדו לבכם.

מ׳האט אנגעהויבן צו לערנען דא פרק חזקת הבתים, ס׳איז דא די מגידי שיעור תלמידי חכמים מופלגים, זיי פרובירן מסביר צו זיין לפי מיטב יכולתם, פארצולערנען בעומק ובעיון, יעדער בחור דארף זיך זעהן צו צושטעלן סיי צום שיעור, און סיי ענדע פון די וואך צו א פארהער, מיט צוהאלטן די שיעורי הישיבה, דעם שיעור עיון און די אנדערע שיעורים וואס מ׳לערנט, כמה וכמה פרקים וואס מ׳לערנט דאס אדורך אין די מסכת, צי א

שיעור אין שולחן ערוך, אזוי האט מעןביידע, מ׳לערנט זיך צו אויס צו לערנען בעיון, און מ׳לערנט זיך אויס צו לערנען דף נאך דף, צו האבן הבנת התורה און ידיעת התורה.

## ב

## לימוד התורה - א פייער קעגן יצר הרע

**ואקחה פת לחם וסעדו לבכם**, די תורה הקדושה ווערט אנגערופן ׳לחם׳, לכו לחמו בלחמי (משלי ט ה). ׳פת׳ איז בגימטריא ׳תלמוד׳, דאס מיינט מען די גמרא.

שטייט אין פסוק (במדבר לא, כג) כל דבר אשר יבוא באש תעבירו באש, טייטשן די מפרשים, כל דבר אשר יבוא באש, מיינט מען דעם יצר הרע, ווייל דער יצר הרע ווערט אנגערופן אש, אזוי ווי די גמרא זאגט (קידושין פא.) נורא בי עמרם, דער יצר הרע איז א פייער, מ׳קען נישט מבער זיין דעם יצר הרע, נאר דורך לימוד התורה, אזוי ווי די גמרא זאגט (סוכה נב:) אם פגע בך מנוול זה משכהו לבית המדרש. תורה איז אויך נמשל צו אש, ווי ס׳שטייט אין פסוק (ירמיה כג כט) הלא כה דברי כאש. **כל דבר אשר יבוא באש**, יעדע זאך וואס קומט דורכ׳ן יצר הרע, **תעבירו באש**, קען מען מעביר זיין מיט אש, מיט די כח התורה.

אזוי ווי דער חיד״א זאגט (הגדה שמחת הרגל) אין ביעור חמץ אלא שריפה (פסחים ה.), עס איז נישט שייך מבער צו זיין דעם חמץ, דאס מיינט מען דעם יצר הרע, דער שאור שבעיסה, אלא שריפה, דאס מיינט מען די תורה, וואס די תורה איז א פייער.

בשם צדיקים זאגט מען נאך, די גמרא ווערט אנגערופן ׳גמרא׳, מלשון ׳גומרא׳, קוילן ווערט אנגערופן ׳גומרא׳. די תורה האט אין זיך א כח פון גחלי אש, די גמרא האט אין זיך א כח פון פייער. כל דבר אשר יבוא באש תעבירו באש, מיינט מען מיט א בלאט גמרא, די גמרא האט א געוואלדיגן כח צו פארברענען דעם יצר הרע.

זאגט אברהם אבינו, ואקחה פת לחם, ׳פת׳ איז בגימטריא ׳תלמוד׳, דאס מיינט די גמרא. וסעדו לבכ״ם, זאגט רש״י, לבבכם אין כתיב כאן, ווייל אין יצר הרע שולט במלאכים, לבבכם איז טייטש ווען ס׳איז דא א יצר הרע. ווען ס׳איז ׳ואקחה פת לחם׳ איז ׳וסעדו לבכם׳, וועט זיין אן א יצר הרע מכח די אש התורה.

## ג

## ימי הבחרות - א יסוד פאר׳ן לעבן

די בחור׳ישע יארן איז דער יסוד פון א מענטש, די בחור׳ישע יארן דאס איז די וויכטיגסטע יארן פונעם לעבן, ווי אזוי מען שטעלט זיך אויס אין די יארן אזוי לעבט מען דאס גאנצע לעבן, איז מען א ווארעמער חסיד׳ישער בחור, האט מען ווארעמקייט און חסיד׳ישקייט און ערליכקייט אויפן גאנצן לעבן, טאמער חלילה האט מען קרירות, דעמאלטס איז מען א פארפרוירענער יונגערמאן.

מ׳דארף זיצן און לערנען תורה בהתמדה, און נישט מבטל זיין קיין צייט אויף נארישקייטן, דאווענען אויפן קול מיט אן התלהבות מיט א ברען, מקיים זיין א מצוה מיט התרוממות הנפש, מיט א חיות דקדושה, מיט א שאיפה און א ציהל, איך וויל שטייגן אין תורה אין

עבודה און אין גמילות חסדים, איך וויל מיר איינשאפן מדות טובות וישרות, איידעלע מדות, זיין א איידעלער ווארעמער חסיד׳ישער בחור.

אז מ׳טוט זיך דאס קונה זיין אין די בחור׳ישע יארן, האט מען א שטארקן יסוד, און אויף דעם בויעט מען זיך אויף, אז מיטן אייבערשטן׳ס הילף וועט מען זיך אזוי פירן א גאנצן לעבן אין די שפעטערע יארן.

אברהם אבינו האט געזאגט, **ואקחה פת לחם**, דאס מיינט מען די תורה הקדושה, **וסעדו לבכם אחר תעבורו**, אפילו נאך וואס מ׳וועט אוועק גיין פון דא, די תורה וואס ענק וועלן זיך איינשאפן דא, דאס יראת שמים וואס מ׳וועט זיך קונה זיין אין אברהם אבינו׳ס שטוב, וועט בלייבן אפילו נאכדעם וואס מ׳וועט אוועק גיין.

## ד

## דאס חשיבות פון יעדע שעה אין די בחור׳ישע יארן

ס׳איז באקאנט דער ישמח משה שרייבט אין א בריוו פאר׳ן זוהן, ער רעדט וועגן התמדת התורה, זאגט ער אים ׳שעה אחת בשנות הבחרות׳, איין שעה אין די בחור׳ישע יארן, ׳כשנה שלימה בשנות העמידה׳, איין שעה אין די בחור׳ישע יארן איז ווי א גאנצע יאר, א שעה מבטל צו זיין וואס דאס מיינט. א האלבע שעה מיינט א האלבע יאר. מ׳קען שטייגן אין די בחור׳ישע יארן אסאך מער, אסאך שנעלער און אסאך העכער ווי אין די שפעטער׳דיגע יארן,

איז חלילה מבטל צו זיין, ווייל ס'איז א פסידא דלא הדר, עס קומט קיינמאל מער נישט צוריק, און ס'איז א געוואלדיגע שאדן.

וועגן דעם דארף יעדער בחור זיך אכטונג געבן אויף זיך אליינס, ער זאל נישט מבטל צו זיין די צייט בין כותלי הישיבה, און כל שכן אוועק פארן פון די ישיבה, נישט אוועק פארן מיט פארשידענע תירוצים, וויפיל שעות דאס ברענגט ביטול הזמן.

## ה

## די הייליגע ישיבה מחוץ לעיר

יעדער בחור דארף וויסן דער תכלית פון קומען אין ישיבה, צו שטייגן אין תורה און יראת שמים און מדות טובות, און עס איז נישטא א בעסערער מקום וואס זאל זיין מוכשר פאר דעם ווי אונזער הייליגע ישיבה, די ישיבה וואס דער פעטער ז"ל האט דאס מייסד געווען, און ער האט געהאט השתוקקות דאס ארויס צו ברענגען אהער קיין קרית יואל, דער טאטע ז"ל האט דאס מוציא געווען מכח אל הפועל, און חותמם ניכר עליהם, דער מקום איז זייער מוכשר, אוועק פון די ישיבת כרכין קשה, מ'קען זיצן אפגעזונדערט פון די גשמיות'דיגע וועלט, צו שטייגן אין תורה ויראת שמים.

יעדער בחור דארף צו דאנקען דעם באשעפער אז ער האט זוכה געווען אנצוקומען אהער אויף דעם מקום צו זיין א תלמיד פון די הייליגע ישיבה וואס האט אויף זיך א חותם המלך, א געוואלדיגע

קדושה עליונה, מ׳קען זוכה זיין דא אויף דעם מקום צו כתרה של תורה מיט הצלחה מרובה בעזר שמו יתברך.

די בחורים וואס קומען אין די ישיבה זאלן פארשטיין די מעלות פון די ישיבה, זיי זאלן פארשטיין וואס מיינט א ישיבה אפגעזונדערט פון די גוי׳אישע גאס, אין א הייליג שטעטל פון לויטער ערליכע אידן יראים ושלמים, די מעלה פון דעם יעדע מינוט וואס מ׳זיצט אין די ישיבה איז הכל ריוח, אוודאי א מענטש איז א מענטש, מ׳דארף אמאל אוועק גיין פון ישיבה, פארשידענע סיבות איז דא, אבער א חכם עיניו בראשו, ממעט צו זיין, בפרט די וואס זיי וואוינען ווייט, יעדע נסיעה מיינט שעות, מ׳דארף פארן און קומען, ס׳איז א הפסד פון כמה שעות, מ׳דארף זעהן ממעט זיין, ווייל ס׳איז א גרויסער ביטול.

ו

## שמירת הזמנים

דער יסוד פאר א בחור איז צו זיין מסודר מיט די סדרי הישיבה, מיט די זמנים. שטייט אין חינוך מצוה פ״ט, קביעת הזמן בכל הענינים היא קיום עשייתה, קביעת הזמן דאס איז דער יסוד פון קיום עשיית המצות. אז מ׳האלט זיך צו די זמנים, מ׳גייט שלאפן אין צייט, שטייט מען אויף אין צייט, גייט מען לערנען אין צייט, דאווענט מען אין צייט, עסט מען פרישטאג אין צייט, מען הייבט אן דעם פארמיטאג סדר אין צייט, און אזוי דער גאנצער טאג איז מען מסודר און עס ווערט אויסגענוצט, אבער טאמער פארפעניעט מען

די נאכט וואס דאס איז דער יסוד, אז מ׳פעניעט אוועק ביי די נאכט - א מענטש דארף דאך שלאפן - פארשלאפט מען אינדערפרי, שטייט מען אויף שפעטער, מ׳פארשפעטיגט דאס דאווענען, נאכדעם איז דער גאנצער טאג אזוי נישט מסודר, מ׳גייט נישט צו קיין שיעור, מ׳גייט נישט צו קיין פארלערנען, ווייל ער דארף דאך דעמאלטס עסן, ער האט דאך שפעט געדאווענט, און אזוי איז דער גאנצער טאג אזוי פארדרייט, דער טאג גייט להפסד.

אז מ׳פירט זיך אזוי קען מען זיך איינקויפן אסאך דפים גמרא, פרקים אין די מסכת, און דאס דארף זיין דער יסוד פאר יעדן בחור, צו זיין א מסודר׳דיגער בחור, ווי כ׳האב געזאגט אז דער סדר הייבט זיך אן ביי די נאכט, און אזוי גייט עס ביז צו די אנדערע נאכט.

ז

## גיין צום פארלערנען און פארהערן

די ישיבה איז איינגעטיילט, ס׳איז דא מערערע סניפים, יעדע סניף האט זיך זיינע מגידי שיעור, תלמידי חכמים וואס האבן דורכגעטוהן די סוגיא וואס מ׳לערנט, סוף כל סוף איז מען נאך א בחור, און אליינס איז מען נישט יורד לעומקן של דברים, אז מ׳גייט צו א שיעור ווערט מען געוואר כמה וכמה ענינים, מ׳זעהט וואס שטייט אין תוספות וואס שטייט אין די ראשונים, וואס מ׳קריגט זיך דא ארום, די גדולי אחרונים, איז א גרויסער פליכט פאר יעדן בחור ער זאל גיין צום פארלערנען, און ווען מ׳פארהערט, זאל ער זיך שטעלן צו א פארהער.

# ח

## אויפשטיין פארטאגס לערנען פאר׳ן דאווענען

דער מנהג פון חסידים ואנשי מעשה, דער טאג זאל זיך אנהייבן מיט אויפשטיין פארטאג׳ס. דער פעטער ז״ל טייטשט ׳אנו משכימים והם משכימים, אנו משכימים לדברי תורה׳, מיינט מען דאס אויפשטיין פארטאג׳ס, לערנען פאר׳ן דאווענען.

אזוי האבן זיך געפירט ערליכע אידן משנות דור ודור, אונז פיר מיר זיך כמנהג האבות, דארף יעדער בחור צו וויסן אז דער טאג הייבט זיך אן פארטאג׳ס, מ׳שטייט אויף עוסק צו זיין בתורה, און מ׳לערנט פאר׳ן דאווענען.

אוודאי קומט עס נישט אזוי גרינג אן דאס אויפשטיין פארטאג׳ס, דער יצר הרע לאזט נישט, און ס׳איז בא׳טעמ׳ט צו שלאפן, דער גוף האט הנאה, אבער מ׳דארף זיך מתאזר זיין בגבורה און אויפשטיין, אוזר ישראל בגבורה, מ׳שטייט אויף פארטאג׳ס.

ביי משה רבינו שטייט ׳כל עליותיו בהשכמה היה׳, טייטשט מען, כל עליותיו, אלעס וואס משה רבינו איז געשטיגן, איז געווען בהשכמה, דורך דעם וואס ער איז אויפגעשטאנען פארטאג׳ס.

די זמנים אין ישיבה איז א גרויסער דגוש, אזוי איז געווען נהוג בימי קדם אויפצושטיין אינדערפרי, און ווינטער מיינט עס אויפצושטיין פארטאגס, מ׳זאל זיין מעורר השחר, עוסק זיין בתורה פארן דאווענען, אין ישיבה לייגט מען א גרויסע דגוש אויף דעם, און מ׳האלט אן דעם סדר אזוי ווי ס׳איז געווען אין דער אלטער

היים, איך וויל מעורר זיין די אלע בחורים יעדער דארף זיך זעהן צוצושטעלן. ס׳איז דא די וואס זענען אין קוואטיר אין די ישיבה, און אפילו די וואס זענען אין קרית יואל איז דא א סדר ווי אזוי מ׳קען אנקומען אינדערפרי, און דאס איז מחייב יעדן בחור צו זיין אינדערפרי פארטאגס אין בית המדרש פארן דאווענען.

אין אמעריקע איז געווארן דאס פארפעניען אויף די נאכט מ׳פארשלעפט די צייט, בחורים דארפן זיך לייגן אין צייט צו קענען אויפשטיין פארטאגס, ס׳מוז זיין א קביעות, מ׳דארף זיך צוגעוואוינען אין די בחור׳ישע יארן אויפצושטיין פארטאג׳ס, איז מען דאס מקיים אין די שפעטער׳דיגע יארן.

## ט
## טבילה במקוה

יעדער בחור, א חסיד׳ישער בחור, דארף זיך איינגעוואוינען אז מ׳גייט אין מקוה יעדן טאג פאר׳ן דאווענען, ס׳איז דא א חתם סופר אין די דרשות אויף ח׳ טבת, ער זאגט פארוואס מ׳זעהט אז ביי תורה הקדושה איז דא שכחת התורה, מ׳פארגעסט לערנען שנעלער ווי מ׳פארגעסט אנדערע זאכן, דער מציאות איז אז תורה פארגעסט זיך שנעלער ווי אנדערע זאכן, פארוואס איז דאס אזוי, ווייל די תורה איז א רוחניות׳דיגע זאך, און דער מענטש איז א גשמיות׳דיגע זאך, א מגושם׳דיגער חפץ, די תורה הקדושה וואס איז רוחני וויל נישט רוהען אין א זאך וואס איז מגושם, דערפאר פארגעסט מען שנעלער תורה, אזוי זאגט דער חתם סופר. נאר אז מ׳איז זיך מזכך דעם חומר דעמאלטס קען מען געדענקן תורה.

און דאס קען זיין דאס איז דער ענין פון טבילה במקוה, אז מ׳טובל׳ט דעם גוף אין די מקוה, איז מען מטהר דעם גוף, מ׳איז מזכך דעם גוף, מ׳ברענגט אריין אביסל קדושה, מ׳ברענגט אריין טהרה אינעם גוף, און אז מ׳ברענגט אריין קדושה וטהרה אינעם גוף איז מען זוכה צו געדענקען תורה.

א חסיד׳ישער בחור דארף גיין אין מקוה יעדן טאג, דאס איז א געוואלדיגער ענין גיין אין מקוה, איינער פון די גדולי ישראל האט אמאל געזאגט וועגן גיין אין מקוה, מ׳זעהט א גוי ווען ער איז זיך מגייר, אפילו ער האט זיך גע׳מל׳ט, און ער האט מקבל געווען אויף זיך עול התורה ועול המצות, איז ער נאכנישט קיין איד, ווען ער טובל׳ט זיך אין די מקוה דעמאלטס ווערט ער א איד, איז טייטש אז טבילה אין מקוה קען מאכן פון א גוי א איד, איז דאך אוודאי אז דאס קען מאכן פון א איד א געהויבענעם איד !, דאס הייבט אויף א איד העכער און העכער.

און דאס דארף יעדער איד צו וויסן, א איד דארף צו גיין אין מקוה, דאס הייבט א מענטש, איי ווי אזוי איז דאס, דאס פארשטייען מיר נישט, אבער דאס איז עס, דאס איז די כח פון א מקוה.

אבער מ׳דארף וויסן ווען מען גייט אין מקוה, דער טאטע ז״ל האט אמאל געזאגט פאר בחורים, ווען א בחור גייט אין מקוה דארף ער וויסן דריי זאכן, 1) נישט זיצן, 2) נישט קוקן, 3) און נישט רעדן. מ׳גייט אין די מקוה שנעל !.

איך האב אמאל געטראפן א רמז אין פרשת קרח, דארט שטייט אין פסוק (במדבר יז יא) מעל המזבח ושים קטורת והולך מהרה, מ׳על ה׳מזבח ו׳שים ק׳טורת איז די ראשי תיבות מקו״ה, און אויף דעם שטייט והולך מהרה, שנעל, ווען מ׳גייט אין מקוה גייט מען שנעל.

און בעפאר דעם שטייט ותן עליה אש, א מקוה ברענגט א חסיד׳ישע פייער, מ׳גייט אין וואסער און ס׳ברענגט א פייער.

דאס דאווענען דאווענט זיך אנדערש ווען מ׳איז געגאנגען אין מקוה צי מ׳גייט נישט אין מקוה, ס׳איז א אנדערער טאג.

בכלל אז מ׳רעדט צו בחורים, ס׳איז דא א תאוה ביי בחורים מאדערניזעם, די לבוש אביסל זיך צופיצן, ניגונים, דוקא די מאדערנע ניגונים האבן חן, כהנה וכהנה, די שיך, אביסל א קלענער קאפל, די פיאות אביסל דינער, איך לעב מיט בחורים, און איך קען די יצר הרע פון בחורים, ס׳דא א ספעציעלע יצר הרע אין די ענינים, א בחור דארף צו וויסן מ׳דארף פונקט די היפך, פונקט די היפך, מ׳דארף דאס ממאס זיין.

## י

## לערנען חסיד׳ישע ספרים

מ׳דארף לערנען א חסיד׳יש ספר, מ׳דארף לערנען א מוסר ספר, פאר׳ן דאווענען איז נישט קיין פאזע, פאר׳ן דאווענען איז נישט קיין זמן וואס מ׳שטייט ליידיג, פאר׳ן דאווענען דארף מען אויסנוצן די צייט, אדער לערנט מען גמרא מיט תוספות צי שולחן ערוך,

אדער לערנט מען א חסיד׳יש ספר, מען טוט עפעס. און ביים דאווענען דארף יעדער בחור דאווענען אויף זיין פלאץ, מלה במלה, מרישא ועד גמירא, פון אנהייב דאווענען ביז צום סוף.

## יא

## עבודה שבלב זו תפלה

ווען מ׳שטעלט זיך דאווענען, מען דארף בעטן דעם אייבערשטען אז מ׳זאל זוכה זיין צו לערנען, זוכה זיין צו פארשטיין לערנען, דאס אליין דארף מען בעטן ביים דאווענען, מ׳בעט יעדן טאג והאר עינינו בתורתיך, חננו מאתך דעה בינה והשכל, א בשר ודם דארף זוכה זיין צו פארשטיין תורה הקדושה וואס איז תורה מן השמים, מ׳דארף אסאך טרערן פארגיסן פארן רבש״ע אז מ׳זאל זוכה זיין צו כתרה של תורה, צו לערנען אמיתיות של תורה.

מ׳דארף לערנען און חזר׳ן, מ׳לערנט א מסכת, אז מ׳הייבט אן אנהייב יאר צו לערנען און צו חזר׳ן, דעמאלטס קומט סוף יאר זעהט מען זיך מ׳האט אדורכגעלערנט און אדורכגע׳חזר׳ט און מ׳געדענקט א מסכת, דאס איז זייער א וויכטיגע זאך צו לערנען און צו חזר׳ן.

און דאווענען אויף א פלאץ, מיט אן התלהבות, מיט א קול און מיט א ברען, מ׳דאווענט פארן הייליגן באשעפער, מ׳זאל זעהן ס׳זאל זיין כל עצמותי תאמרנה, מיט אלעביינער, מ׳דארף דאווענען מיט א לעבעדיגקייט, מיט א פרישקייט, מיט א חיות דקדושה.

בכלל יעדע מצוה, איז הדלקה עושה מצוה, מיט א ברען דארף מען מקיים זיין א מצוה, ווי דער רבי ר׳ אלימלך טייטשט עשה לך שרף, זאלסט מאכן א ברען, מיט א פלאם פייער זאל מען מאכן א מצוה.

מען דארף דאווענען אזוי ווי אנשי כנסת הגדולה האבן מסדר געווען, מתחילה ועד סוף, דאווענען פון פארנט, אזוי דאוונט מען כסדרן.

## יב
## גמילות חסדים

יעדער איד דארף עוסק צו זיין אין תורה עבודה גמילות חסדים, תורה איז לימוד התורה, עבודה מיינט מען תפלה, עבודה שבלב, און גמילות חסדים דאס איז פון די ג׳ עמודי עולם.

די וואך אין די סדרה מ׳זעהט אברהם אבינו דאס גרויסע מדת החסד פון אברהם אבינו וואס ער האט משריש געווען אין זיינע קינדער אחריו עד סוף כל הדורות, יעדער איינער דארף עוסק זיין, אמאל דארף מען צו גיין נאך געלט, אמאל דארף מען טון אויף אזא אופן חסד, יעדער איד מוז טון חסד, מ׳מוז גיין נאך געלט.

דער פעטער ז״ל האט געזאגט, מ׳קען זיין א אלטער איד פון זיבעציג יאר און נישט וויסן ווי אזוי מ׳טוט א טובה פאר א איד, מ׳מוז וויסן זיך איינגעוואוינען א טובה צו טון פאר א איד, צו גיין נאך געלט.

וואס איז חסד? איין בחור מיט א צווייטן בחור, דברי חיזוק, מ׳זיצט צווישן בחורים, מ׳זעהט א בחור קוועטשט אים עפעס, מ׳קען עס דערקענען, עפעס איז מיט דעם בחור, א בחור דארף ארויסהעלפן א צווייטן בחור מיט א גוט ווארט, אפילו מסביר צו זיין א תוספות איז אויך א מצוה, העלף ארויס א בחור, איך פארשטיי דאס תוספות ער פארשטייט נישט, איך בין אים מסביר, דאס איז אויך א חסד, מען דארף העלפן א בחור בגוף בנפש ובממון.

## יג

## שבת קודש יום חמדתו

די ישיבה איז איינגעטיילט, עס איז דא זיבן טאג אין די וואך, מ׳לערנט א גאנצע וואך תמידין כסדרן, ווינטער איז א קורצער פרייטאג, אבער א טאג איז עס, דארף מען זעהן אויסצונוצן אויך דעם פרייטאג טאג, מ׳דארף מעביר סדרה זיין, מ׳דארף לערנען חומש רש״י, און שבת קודש אוודאי, שבת היא לה׳, דאס דארף זיין א געהויבענער טאג, און מוצאי שבת ווינטער איז דא א לענגערע מוצאי שבת, דארף מען זעהן עס נישט מבטל צו זיין אויף לבטלה. אוודאי מ׳דארף צו עסן סעודת מלוה מלכה, אבער מ׳דארף אויך לערנען מוצאי שבת, מ׳דארף האבן א שיעור מוצאי שבת.

ליל שבת קודש זיצט מען צוזאמען, הונדערטער בחורים זיצן צוזאמען בצוותא חדא, עס איז באמת אן עונג שבת צו זיצן מיט די בחורים, מ׳זינגט זמירות שירות ותשבחות, מיט ווארימע חסיד׳ישע

בחורים, ערליכע בחורים, מ׳דארף זעהן דאס ממשיך צו זיין, מ׳ברענגט אריין קדושת שבת אין די סעודת שבת, עס איז נישט קיין נאכטמאל, ס׳איז שבת קודש!.

שבת בייטאג איז אויך א סעודת שבת, בחורים זאלן זיצן צוזאמען און אויך מענג זיין את השבת בנועם שבת, ס׳זאל זיין א געהויבענער שבת קודש.

## יד

## סעודה שלישית

בפרט סעודה שלישית, די דריטע סעודה שבת איז די געהויבנסטע סעודה שבת קודש קעגן יעקב אבינו, מ׳זיצט אין ביהמ״ד מיט חסיד׳ישע אידן, מ׳זינגט ניגונים מיט השתפכות הנפש, מ׳געזעגענט זיך שבת קודש אויף א געהויבענעם אופן.

ס׳איז דא וואס קומען דאווענען מנחה און מ׳דאווענט מעריב און דאס איז עס, ער טוט א טובה פאר׳ן באשעפער, ער וואשט זיך צו א בילקעלע ער כאפט אריין א כזית פאר שלש סעודות, און ער קוקט אויפן זייגער אויב ס׳איז שוין דער זמן, צו אנטלויפן פון שבת קודש, דאס איז א קלות, א קרירות, א קאלטקייט, דאס איז ביי בעלי בתים, און אפילו ביי בחורים איז עס אויך דא, א איד דארף צו פילן א טעם אין שבת קודש.

אבער לא זו הדרך, חסיד׳ישע אידן זיצן צוזאמען, מ׳זינגט מיט אן השתפכות הנפש צום הייליגן באשעפער לכבוד שבת קודש, מיט

א תוספת שבת. פאר תוספת שבת איז כל המוסיף מוסיפין לו, איז מען מוסיף פון הימל.

שטייט אין ישמח משה (פ׳ ברכה) מ׳זאגט אין די זמירות פון שבת קודש ביי שלש סעודות, די דריי טעותים וואס דער יצר הרע וועט זיך טועה זיין לעתיד, פרעגט דער ישמח משה, ווי אזוי וועט זיך דער יצר הרע טועה זיין? מ׳זאגט דאס הויעך יעדע וואך ביי שלש סעודות, איז פארוואס ווייסט דאס נישט דער יצר הרע? פארוואס וועט ער זיך טועה זיין?, זאגט דער ישמח משה פון דא איז א ראיה אז ווען אידן זיצן ביי שלש סעודות און זיי זינגען זמירות איז דער יצר הרע נישט דארט, דער שטן געפינט זיך נישט דארט.

האב איך אמאל אזוי געזאגט, און וואו געפינט זיך יא דער יצר הרע דעמאלטס? אינדרויסן, דארט וואו מ׳שמועסט, דארט געפינט זיך דער יצר הרע!.

ס׳טאר נישט זיין א בחור זאל נישט זיצן ביי שלש סעודות צוזאמען, נאר זיצן אינדרויסן אין די ווינקלען און סתם שמועסן שיחה בטלה, דער פעטער ז״ל האט אמאל געזאגט ער קען נישט פארשטיין ווי מ׳זיצט און מ׳שמועסט, דאס איז די געהויבנסטע מינוטן אין שבת קודש, און מיט שיחה בטילה פארברענגט מען דאס.

ס׳ברענגט אריין ווארעמקייט און ערליכקייט ווען מ׳זיצט צוזאמען, קוקטס אריין אין דברי יחזקאל פרשת כי תבוא זייער א שיינע תורה וועגן סעודה שלישית אין שבת קודש.

איך וויל דא מעורר זיין די בחורים, ווייל מ׳דארף מעורר זיין, נישט אלע בחורים שטייען צוזאמען ביי שלש סעודות אזוי ווי עס באדארף צו זיין, און איך וויל זאגן פאר דעם בחור, אזוי ביסטו אין די בחור׳ישע יארן?, ווי אזוי וועסטו אויסזעהן אין די שפעטער׳דיגע יארן?, וואספארא קרירות וועט דעמאלטס זיין? מ׳דארף זיך אליינס פרעגן, אליינס האבן אן השתוקקות צו ערליכקייט, אן השתוקקות צו חסיד׳ישקייט, אן השתוקקות צו פרומקייט, וועלן זיין א חלק פון די חסיד׳ישע חבריא.

די זעלבע מלוה מלכה, ס׳איז דאך ווינטער יעצט מ׳זיצט צוזאמען מלוה מלכה, מ׳זאל זעהן מסדר זיין עמיצער זאל קומען, די עיקר איז מוצאי שבת איז א גרויסע לאנגע נאכט, נישט מבטל זיין די נאכט לבטלה, ס׳דארף זיין א שיעור, מוצאי שבת דארף מען אויך עוסק זיין בתורה.

## טז

## די מדה פון הכנעה

איך האב אזוי געקלערט ומי גוי גדול אשר לו חוקים משפטים צדיקים, כלל ישראל האט חוקים און האט משפטים, משפטים פארשטייט מען, חוקים דאס איז אן א הסבר, ס׳איז א חק בלי טעם.

דער אייבערשטער האט אראפגעגעבן די תורה הקדושה פאר א איד, ס׳זאל זיין א משפט און ס׳זאל זיין א חוק, ער האט געוואלט אויסלערנען כלל ישראל, ס׳איז דא זאכן וואס מ׳דארף פארשטיין,

ס׳איז דא זאכן וואס מ׳מעג פארשטיין, און ס׳איז דא זאכן וואס מ׳דארף וויסן איך פארשטיי נישט, איך מוז נישט אלעס פארשטיין, דאס איז א יסוד אין לעבן, דער אייבערשטער האט אזוי געוואלט אראפלייגן א יסוד פאר א מענטש, דו מוזט נישט אלעס פארשטיין !.

איך זאג עס דא פאר ענק אין א ישיבה, די ישיבה שטעלט צו א זמן און סדר הלימודים, און א בחור טראכט, איך מיין ס׳וועט בעסער זיין מ׳זאל לערנען אין א אנדערע זמן, טוישן די זמנים, איך מיין ס׳וועט בעסער זיין מ׳זאל לערנען א אנדערע מסכת, איך מיין ס׳וועט בעסער זיין מ׳זאל לערנען א אנדערע הלכה, ווייל איך פארשטיי אזוי. מ׳האט איינגעטיילט א בחור אין די ישיבה, ניין איך פארשטיי בעסער אז איך דארף לערנען אין א אנדערע ישיבה, כהנה וכהנה מ׳קען עס זאגן אויף צוואנציג ערליי זאכן. מ׳דארף וויסן ומי גוי גדול אשר לו חוקים ומשפטים צדיקים, מ׳דארף נישט אלעס פארשטיין.

די ישיבה האט א הנהלת הישיבה בעלי אחריות און זיי פארשטייען צו מאכן די זמנים, דעם סדר, די חלוקה, ווי איינצוטיילן די ישיבה, אלעס ווערט געמאכט בהשכל ובדעת, און א בחור דארף צו וויסן, אז די הנהלת הישיבה זאגט אזוי איז אזוי.

א גרויסער יסוד אין א מענטש׳נס לעבן איז הכנעה, יא איך בין זיך מכניע פאר איינעם וואס איז עלטער פון מיר, פארשטענדליכער פון מיר, דאס איז די יסוד פון א מענטש.

## טז

# חסיד׳ישע בחורים

בכלל דארף מען זיך צו פירן במילי דחסידא, א חסיד׳ישער בחור דארף וויסן איך פיר מיך חסיד׳יש, דאס דארף זיין דער ציהל, איך וויל זיין חסיד׳יש אין אלע ענינים, אין לבוש, אין התנהגות, און אין דיבור, בכל ענין וענין. זיך צו דערווייטערן פון יעדע זאך וואס רירט אן מאדערניזים בכל ענין.

מ׳דארף אכטונג געבן בכלליות אויף די אויגן, אויף די מחשבות, א חסיד׳ישער בחור און א ערליכער בחור דארף האבן געוואלדיגע זהירות אין שמירת עינים, וואו מ׳גייט און וואו מ׳שטייט.

מ׳לעבט היינט אין אמעריקע אין א וועלט, דאס מאדערניזים קריכט אריין אין כלל ישראל, מ׳דארף זיך מרחק זיין פון די אלע מיני מאדערנע זאכן, צי ס׳איז אין לבוש, צי אין התנהגות, צי אפילו ניגונים.

ס׳איז דא א ניגון וואס האט א חסיד׳ישן טעם, און ס׳איז דא א ניגון וואס שמעקט אז ס׳איז נישט, ס׳איז נישט, דער מקור איז פון די געשוירענע בערד, אינגאנצען אן קיין בערד, קלים ורקים, ס׳האט זייער טעם, און מ׳איז זיך מקשר מיט די קלים ורקים, דאס דארף זיין מאוס, די אלע מאדערנע זאכן דארף זיין פאר׳מיאוס׳ט ביי אן ערליכער בחור.

## יז

## זיך דערווייטערן פון טעכנאלאגישע כלים

א בחור ווי יעדער איד דארף האבן א געוואלדיגע סייעתא דשמיא מ׳זאל זיין ערליך און אפגעהיטן, האבן אפגעהיטענע אויגן, אפגעהיטענע מחשבות, און דער יסוד דערפון, ס׳איז דא היינט פארשידענע כלים, איך דארף אייך נישט אויסרעכענען די נעמען פון די כלים ווייל מ׳קען עס בעסער פון מיר. קיין שום בחור טאר נישט פארמאגן פון די כלים, קיין שום כלי נישט, אפילו נישט א פשוט׳ער סעלפאן, ס׳איז דא טעלעפאנען אין ישיבה אז מ׳דארף האבן.

ס׳ברענגט פראבלעמען איך דארף אייך נישט מסביר זיין, און איך וויל זאגן בבקשה ובאזהרה פאר יעדן בחור, מ׳זאל נישט האבן אפילו א פשוט׳ער סעלפאן, אדרבה ווען עמיצער זעהט ביי יענעם, ליגט אויף אים א חוב צו קומען פארציילן פאר די הנהלה, והיה מחנינו קדוש.

## יח

## תנאים - חתונות - שבע ברכות: פון חברים

ס׳איז דא א גרויסער יצר הרע פון גיין צו חתונות, ס׳איז א תאוה ביי בחורים, איך דארף אייך נישט צו זאגן, דער פעטער ז״ל האט מיט זעכציג יאר צוריק געזאגט בשעתו אין די ישיבה, ער וויל נישט אז בחורים זאלן גיין צו חתונות, ער האט געזאגט דעמאלטס א שארף ווארט, מ׳האט געפרעגט דעמאלטס וועגן בחורים א קרוב מיט א משפחה חתונה, האט ער געזאגט נו וואס הייסט א קרוב, האט ער

געזאגט א קרוב מיינט א קרוב וואס איז פסולי עדות, האט ער געזאגט דעמאלטס א ווארט, און טאמער גייט א בחור צו א חתונה ווערט ער פון די פסולי עדות, ווער ס׳פארשטייט דאס, דאס איז זייער א שארף ווארט, ער האט נישט געזאגט קיין ווערטלעך !.

וויל איך דא זאגן, דער טאטע ז״ל האט דאס מחזק זיין, און ב״ה ס׳איז שוין א לאנגער זמן אין די ישיבה וואס מ׳האלט די תקנה, און מ׳וויל עס ווייטער האלטן, כ׳וויל בעטן יעדן בחור, איך מיין דיר !, איך מיין יעדן בחור, דיך מיין איך ! דו זאלסט נישט גיין צו קיין חתונות !.

דאס זעלבע איז מיט תנאים, דער יצר הרע מאכט דאס מיט פארשידענע המצאות, צו שלעפן בחורים צו תנאים, צו שבע ברכות, וכהנה וכהנה, א בחור באלאנגט נישט דארט, מ׳דארף קיינעם נישט מסביר זיין פארוואס, יעדער בר דעת פארשטייט אז א בחור באלאנגט נישט דארט, און איך וויל בעטן די בחורים די בעלי דעת זאלן זעהן צו זאגן פאר די וואס פארשטייען נישט, זיי מסביר צו זיין, אז א בחור דארף זיך נישט דארט געפינען.

קיינער זאל דאס נישט נעמען פאר גרינג, נישט צו קיין חתונות און נישט צו קיין תנאים, א תנאים איז נאך ערגער פון א חתונה, דער אייבערשטער וועט העלפן אי״ה ביי די אייגענע שמחות וועט מען גיין.

## כ
# דרייוון ביי בחורים

כ׳מוז רעדן פון אן ענין וואס כ׳האב נישט געקלערט אז כ׳וועל מוזן רעדן דערפון, דאס ענין פון דרייוון, אז בחורים דרייוון א קאר,

דאס איז אן ענין חמור מאוד מאוד, דער פעטער ז״ל איז ידוע אז ער האט שווער ארויס געשטעלט א בחור פון די ישיבה - אינדערהיים און אפילו דאהי - זייער שווער. יא, אן עזות פנים האט ער יא משלח געווען, אבער אפילו א בחור האט געהאט א דורכפאל האט ער געזוכט צו האלטן, און ער האט געזאגט אין די ישיבה שנת תשכ״ו, ער האט גערעדט איבער דעם ענין פון דרייוון א קאר, און כ׳וועל נאכזאגן לשונו הק׳ וואס ער האט דעמאלטס גערעדט.

ער האט אנגעהויבן צו רעדן פון גיין אין די גאס, ווי אזוי די גאסן זעהן אויס בימיו - די דעמאלטס׳דיגע גאסן קומט נישט צו צו די היינטיגע גאסן - האט ער געזאגט, ״דאס איז געגוג אז מ׳ברויך צו גיין, אבער אז מ׳ברויך נאך פאהרן מיט א קאר, גאנץ ניו יארק קאן מען אויספאהרן אויפאיינמאל אנקוקן פאר זיך, דאס טאר מען זעכער נישט, אין קורצן די זאך איז נפרץ ביי די בחורים, מוז איך עס ארויס זאגן״.

**זאגט ער אזוי, ״פון היינט מאל אן א בחור איינמאל אז ס׳וועט פארקומען ער וועט גיין דרייוון א קאר, זאג איך אים איך וויל אים נישט האבן דא, ער האט נישט וואס צו טוהן דא, ער האט נישט קיין דריסת רגל אין דעם בית המדרש, די צוויי זאכן אינאיינעם קען נישט גיין בשום אופן שבעולם״.**

**און ער זאגט ווייטער, ״מען איז מחויב, אז איינער וועט וויסן ווער עס האט דאס געטאן, איז ער מחויב צו קומען דערציילן״ - דאס הייסט ער איז מחייב אז איינער ווייסט אויף א צווייטן בחור אז ער דרייווט, מוז ער קומען דערציילן - ״מען זאל וויסן מ׳זאל פון אים פטור ווערן״ - זייער שטרענגע לשונות - ״דאס מוז**

אויסגעראטן ווערן, עס זאל נישט קאנען מער פארקומען אז בחורים זאל אליינס גיין דרייוון קאר׳ס, אלץ בחור ווען מ׳איז אין די ישיבה קען דאס נישט און דאס טאר נישט געשעהן״.

דאס האב איך איבער געזאגט כלשונו, און איך וויל דאס זאגן פאר יעדן בחור, איך מיין יעדן איינציגן בחור דא, א בחור וואס וועט דרייוון א קאר האט נישט קיין פלאץ אין די ישיבה, מיר זענען מוזהר ועומד אז א בחור וואס ער דרייווט א קאר טאר זיך נישט געפינען אין די ישיבה, און מ׳זאל דאס וויסן און פארשטיין.

עס קומען ארויף בחורים וואס זיי לערנען נישט אין די ישיבה - פון די פרעמד - און זיי דרייוון יא, צי אפילו חתנים וואס זיי לערנען שוין נישט אין די ישיבה און זיי דרייוון יא, צי אפילו יונגעלייט קלים און זיי רעדן צו, קום! קום!, די הנהלת הישיבה וועט דאס נעמען זייער ערנסט און זייער שטרענג.

## ברכת הקודש

דער אייבערשטער זאל העלפן מ׳האט אנגעהויבן די וואך צו לערנען דא די זמן, ס׳זאל זיין א הצלחה׳דיגע זמן, מ׳זאל מצליח זיין אין אלע ענינים, אלע בחורים זאלן זוכה זיין צו שטייגן אין מעלת התורה והיראה, מ׳זאל האבן הצלחה אין די לימודים, הצלחה אין די הבנה, הצלחה אין די התמדה, און הצלחה אין יראת שמים, און הצלחה אין די ג׳ עמודי עולם תורה עבודה גמילות חסדים, און הצלחה אין אלע ענינים מתוך בריאות הגוף והשלימות, דער אייבערשטער זאל העלפן מ׳זאל זוכה זיין צו די גאולה שלימה במהרה בימינו אמן.